בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

כי תשא-פרה

י"ח אדר תשפ"ג

גליון מס': כא

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

די צייטן לויט אופק ירושלים

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:08 |
| מוצש"ק | 6:21 |
| ר"ת | 7:01 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:07 | סוז"ת א' | 9:21 |
| סוזק"ש ב' | 8:49 | סוז"ת ב' | 9:49 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

## טיב המערכת

### - ♦ כִּי שֵׁשֶׁת יָמִים עָשָׂה ה' אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ ♦ -

וואס איז דער באדייט פון עבודת השם און פאר וועמען איז דאס געאייגנט? אויב וועט מען פרעגן א מענטש, ווער איז דער 'עובד השם', וועט מען זיכער אנווייזן אויפן יונגערמאן וועלכער שטייט אין ווינקל פון בית המדרש און פארגיסט זיין הארץ שעות לאנג מיטן דאווענען יעדן טאג, אדער אויפן תלמיד חכם וועלכער זיצט בעומקה של הלכה און ווייסט נישט וואס עס טוט זיך ארום אים, אט די מענטשן זענען זיכער אמת'ע עובדי השם... דאס איז טאקע ריכטיג, אבער נישט נאר זיי ווערן אנגערופן עובדי השם.

עס איז דא נאך א סארט עובדי השם, וועלכע זענען אביסל וויניגער באוואוסט. זיי זעען אויס ווי פשוט'ע מענטשן, זיי קענען אפילו זיין ארבעטער וואס טוען גאנץ פשוט'ע ארבעט, זיי דאווענען נישט לאנגע שעה'ן און זיצן אויך נישט שעות לאנג לערנענדיג אין בית המדרש ביים שטענדער, אויב אזוי, מיט וואס זענען די מענטשן ספעציעל אז מיר רופן זיי "עובדי השם"?

'כִּי שֵׁשֶׁת יָמִים עָשָׂה ד' אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ...', דער אויבערשטער האט באשאפן דעם הימל, דאס הייסט אלע רוחניות'דיגע זאכן מיט וועלכע מיר דינען דעם אויבערשטן, אזוי ווי תורה און תפילה און רוב מצוות, וועלכע זענען רוחניות'דיגע מצוות, אבער צוזאמען מיטן הימל האט דער אויבערשטער באשאפן אויך די וועלטליכע זאכן, די גשמיות, אזוי ווי עסן און טרינקען און אנדערע געברויכן פונעם קערפער, און אזוי ווי מיר דארפן דינען דעם אויבערשטן מיט די זאכן וואס זענען "בַּשָּׁמַיִם", אזוי דארפן מיר אים אויך דינען מיט די זאכן וואס זענען "בָּאָרֶץ", מיטן עסן און טרינקען און מיטן טון די אנדערע געברויכן פונעם קערפער.

לויט דעם פארשטייען מיר וויאזוי עס איז מעגליך אז אויך פשוט'ע מענטשן קענען זיי אמת'ע "עובדי השם", ווייל דורכדעם וואס א מענטש עסט און טרינקט געהעריג אזוי ווי א איד דארף עסן, און ער טוט אויך די אנדערע געברויכן פונעם קערפער, טוט ער ממש דינען דעם אויבערשטן דערמיט. זעלבסטפארשטענדליך אז תַּלְמוּד תּוֹרָה כְּנֶגֶד כֻּלָּם, דארפן מיר אבער געדענקען אז אויך דער גשמיות'דיגער טייל איז באשאפן געווארן דורכן אויבערשטן, און אויך אין דעם דארפן מיר דינען דעם אויבערשטן בלב שלם, און נאכמער וויכטיג דערפון איז צו וויסן, אז עס איז נישט מעגליך אז א מענטש זאל אריינלייגן אלע זיינע כוחות און צייט אין עבודת השם, און פלוצלונג ווען עס קומט צו די גשמיות'דיגע זאכן זאל ער פלוצלונג פארוואנדלט ווערן אין אן אנדער מענטש... נאר, ביי יעדער זאך, סיי גשמיות'דיג אדער רוחניות'דיג, דארפן מיר געפינען דעם וועג וויאזוי צו דינען דעם אויבערשטן.

(עפ"י טיב התורה-כי תשא)

## טיב הפרשה

# לטהר טמאים / די קריאה פון פרה אדומה רייניגט אויס א איד

די וואך וועט מען בנוסף צו די וועכענטליכע קריאה אויך ליינען די קריאה פון שבת פרה. אין די פרשה פון פרה ליינט מען איבער ווי אזוי מען רייניגט זיך פאר השי"ת פון א טומאה.

די פרשה פון פרה אדומה הייבט זיך אן מיט די ווערטער 'זאת חוקת התורה' ווייל די מצוה פון פרה אדומה איז א חוק בלי טעם און ווי רש"י זאגט אויפ'ן ארט אז ווייל די אומות העולם טשעפענען די אידן מיט די מצוה וואס איז איר טעם שרייבט די תוה"ק דער לשון 'חוקה' ווייל עס איז א געזעץ און מען האט נישט קיין רשות מהרהר צו זיין נאך איר.

לכאורה איז שווער צו פארשטיין פארוואס עפעס ביי די מצוה האט השי"ת געזאגט אז דאס איז א חוק? וואס איז ספעציעל אין די מצוה אז די מצוה איז א חוק?

איך האב אמאל געהערט פון דעם גאון האדיר רבי ישראל גראסמאן זצ"ל דער ראש הישיבה פון די פינסק קארלין ישיבה א הסבר פארוואס עפעס איז די מצוה א חוק בלא טעם. ער האט עס געגעבן צו פארשטיין מיט די באקאנטע מעשה וואס חז"ל דערציילן איבער דמא בן נתינה אז ווען די כהנים זענען געקומען צו אים הערנדיג אז ער האט די ישפה שטיין פון די חושן, האט ער עס נישט געוואלט געבן ווייל זיין טאטע איז געשלאפן אויף די שטיין און ער האט אים נישט געוואלט אויפוועקן פון זיין שלאף.

חז"ל דערציילן אויפ'ן ארט אז מען האט אים פון הימל באלוינט אויף די מעשה און צום יאר איז ביי אים געבוירן געווארן א פרה אדומה.

האט דער גאון געפרעגט אז לכאורה איז שווער פארוואס עפעס האט השי"ת צוגעפירט אזוי אז זיין שכר זאל זיין אז עס זאל געבוירן ווערן ביי אים א פרה אדומה? ער וואלט דאך געקענט באקומען זיין שכר אין אזויפיל אנדערע וועגן?

נאר עס קען זיין אז ווען די חכמים האבן אים געבעטן אז ער זאל זיי

>>> | המשך אין עמוד ב' |

זמנים אויף קבלת קהל 0534-100024

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

פארקויפן די שטיין ישפה פאר טייער געלט אבער ער האט זיך מתגבר געווען אויף די נסיון און וועגן כיבוד אב ואם האט ער דערלייגט אסאך געלט.

ווען ער האט ארויסגעוויזן אזא גבורה איז אין הימל געווארן א רעש, וואס הייסט אז א גוי זאל טון אזא זאך. מען האט נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי קומט עס צו א גוי אזא גבורה. עס איז געווארן א טענה קעגן די אידן אבער הקב"ה צוליב זיין גרויס ליבשאפט פאר'ן כלל ישראל האט נישט געוואלט אז די מקטריגים זאלן קענען מקטרג זיין אויף כלל ישראל האט ער אים געשיקט א פרה אדומה.

און דא האט זיך ארויסגעשטעלט די גרויסע חילוק צווישן א איד און להבדיל א גוי.

די מצוה פון כיבוד אב ואם איז א לאגישע מצוה. אויך א פארשטענדליכער גוי פארשטייט אז פאר זיינע עלטערן דארף מען מכיר טובה זיין און אז דער גוי פארשטייט די מצוה מיט זיין שכל איז ער גרייט צו דערלייגן דערפאר אסאך געלט.

דאגעגן זענען די אידן געקומען צוגיין מיט די מצוה פון פרה אדומה. זיי האבן געבעטן פון דמא בן נתינה אז ער זאל זיי פארקויפן זיין רויטע קוה. די חכמים זענען גרייט צו צאלן דערפאר כל הון דעלמא און ווי חז"ל דערציילן האט ער געבעטן פון זיי די סומע פון די ישפה שטיין וואס איז געווען א גרויסע סומע פאר א קוה, אבער די חכמים האבן נישט געקווענקלט און אים געגעבן וויפיל ער האט נאר געבעטן און דאס האבן זיי געגעבן פאר א מצוה וואס איז א חוק, פאר א מצוה וואס זיי פארשטייען נישט די טעם פון דער מצוה, די איינציגסטע זאך וואס זיי ווייסן נאר איז אז עס איז א מצוה וואס השי"ת האט געהייסן און ווען מען גייט מקיים זיין א מצוה קוקט מען נישט אויף גארנישט.

עס איז אויסגעקומען אז דא האט זיך ארויסגעשטעלט די חשיבות פון כלל ישראל קעגן אזא גוי ווי דמה בן נתינה.

דער גאון האט צוגעלייגט נאך א נקודה. ווי געזאגט האט ער געבעטן פון די חכמים אז זיי זאלן אים אפגעבן די זעלבע סומע וואס ער האט דערלייגט דא מיט א יאר פריער.

פון דעם אז ער האט א יאר שפעטער געבעטן די זעלבע סומע וואס ער איז געווען גרייט צו דערלייגן א יאר פריער זעט מען אז אפילו אז ער האט געהאט די שטארקקייט עומד צו זיין אין די נסיון האט ער מיט דעם אלעם געשפירט אז ער האט דערלייגט און די ביטערע טעם האט ער געשפירט אין זיין מויל אזוי לאנג, אז אויך א יאר שפעטער, ווען די חכמים זענען נאך אמאל געקומען האט ער זיי דערמאנט זיין פארלוסט.

אבער ווען א איד איז זוכה אז ער איז עומד אין נסיון און די נסיון ענדיגט זיך איז ער גליקליך און צופרידן אז ער האט זוכה געווען בייצושטיין די נסיון ווייל ביי א איד איז דא די נאמנות און אויך די שמחה אז ער איז זוכה בייצושטיין די נסיון.

און דאס איז דער סוד פון טהרה, אז מען איז זיך מטהר מיט השי"ת מיט אזא זאך וואס איז א חוק בלא טעם און עס ברענגט ארויס די אהבה און איבערגעגעבענקייט פון כלל ישראל צו השי"ת

ווי פאסיג איז דא איבערצוזאגן וואס מען ברענגט אראפ בשמו פון הרה"ק ר' אהרן מקארלין זי"ע אז ווען עס קומט שבת פרה און מען גייט ליינען די קריאה פון שבת פרה דארף א איד גלייבן אז אזויווי בזמן הבית ווען מען האט געשפריצט אויף אים די אפר הפרה האט ער זיך גערייניגט מיט דעם איז די זעלבע זאך אויך יעצט אז די 'קריאה' רייניגט אויס א איד און יעדער איינער לויט זיין דרגה איז זוכה צו ווערן ריין און גערייניגט פאר השי"ת לויט זיין דרגה.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## ואסדר את הכוכבים - א צענטער צום מנין פאר די עלות השחר

פאר עטליכע שעה בין איך אפגעלעגן אויפ'ן קאוטש ביי מיר אין שטוב נאכ'ן זיין גוט בגילופין פון די פורים'דיגע סעודה. איך האב כמעט גארנישט געדענקט. ווען איך האב זיך אויפגעוועקט און געזען ווי מיין טאטע דריידט זיך פאר מיר, האב איך פארשטאנען אז איך בין אויך נישט ביי מיר אינדערהיים, איך בין ביי מיין טאטע אין שטוב.

נאר דעמאלטס האב איך זיך דערמאנט וואס עס האט פאסירט מיט מיר עטליכע שעה פריער, אז מיין קאפ האט מיר געדרייד פון די שארפע וויין און איך בין דא איינגעשלאפן ביי מיין טאטע אין שטוב.

די מצוה פון 'עד דלא ידע' האב איך מקיים געווען אבער יעצט האב איך זיך דערמאנט אז די מצוה פון קריאת שמע ביי מעריב האב איך נאכנישט מקיים געווען און זיך געוואונדערט צי איך קען עס נאך מקיים זיין. איך האב געפרעגט מיין טאטע וואס ער זאגט דערצו און ער האט מיר געענטפערט אז עס איז נאך געבליבן 45 מינוט ביז צו די עלות השחר.

איך האב זיך געפריידט אז איך קען נאך דאווענען מעריב און וועלנדיג דאווענען מיט א מנין האב איך באשטעלט א טעקסי וועלכע זאל מיר אפפירן צו די לאקאלע שטיבלעך אין די זכרון משה געגענט.

"אפשר דארט וועל איך טרעפן א מנין".

די טעקסי איז געקומען צוגיין, איך האב זיך אריינגעזעצט אין איר, אבער מיטאמאל דערמאן איך זיך אז איך האב נישט קיין געלט אויף מיר. ווען איך האב אנגעהויבן טרינקען וויין האט מיין פרוי צוגענומען פון מיר מיין בערזל.

וואס טוה איך? איך בין שוין געזעצן אין די טעקסי און מיינע טאשן זענען ליידיג. איך האב זיי ארומגעטאפט און פלוצלונג טרעף איך איין שטר. עס איז געווען גענוג צו קענען באצאלן די טעקסי.

ווי אזוי איז דער באַנקנאָט אריינגעפאלן אין מיין טאש? איך האב נישט געהאט קיין אנונג, אבער עס איז זיכער געווען די השגחה העליונה.

אזוי זיצנדיג אין די טעקסי מיט די געלט אין מיין טאש האב איך אנגעהויבן דאגה'נען צי איך וועל נאך טרעפן א מנין אבער ווי איך נאר אראפ פון די טעקסי קומט א איד צו מיר און פרעגט מיר צי איך זוך א מנין מעריב.

איך האב גלייך געענטפערט אז יא.

"אה, דו ביזט דער צענטער, עשירי קודש".

איך האב זיך זייער געפרייט אז איך קען דאווענען מיט א מנין. א גערירטער בין איך אריין אין די שטיבל און זיך געשטעלט דאווענען מיט א ברען. איך האב געדאנקט השי"ת אז איך האב געקענט דאווענען מיט א מנין.

ש.ג. ירושלים

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס:
15326517922

# טיב המעשיות

# אפגעהיטן דעם מנהג אבות

**"סָרוּ מַהֵר מִן הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר צִוִּיתִם - עָשׂוּ לָהֶם עֵגֶל מַסֵּכָה" וגו'** (שמות לב, ח)

אין דעם פסוק איז דא א באוואוסטער רמז, אז אפילו ווען איינער רוקט זיך נאר אביסל אוועק פונעם וועג וואס דער אויבערשטער האט אונז באפוילן, קען ער גרינג אנקומען צו עגל מסכה און עבודה זרה, רחמנא ליצלן.

אזוי ווי דער הייליגער בעל שם טוב זצוק"ל האט ערקלערט דעם פסוק וואס מיר זאגן צוויי מאל יעדן טאג ביי קריאת שמע (דברים יא, טז): "הִשָּׁמְרוּ לָכֶם! פֶּן יִפְתֶּה לְבַבְכֶם, וְסַרְתֶּם, וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם לָהֶם", און עס ווערט געברענגט אין די ווערטער פון זיין געטרייער תלמיד אינעם הייליגן ספר "מאור עינים" (ר"פ שמות, סו"פ ויגש, ופר' ראה, ובהשמטות), אז גלייך ווען מען האט זיך אוועקגערוקט פונעם אויבערשטן, איז וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וכו'. ביז אהער פונעם הייליגן מאור עינים.

ווייל אפילו די קלענסטע ריר, אפילו טוישנדיג א מנהג אבות, איז דער אנהייב פון פריקת עול מלכות שמים, וואס דער סוף דערפון קען מען זיך נישט פאָרשטעלן. און אזוי זאגט די גמרא (שבת דף קה ע"ב): אזוי איז דער פאך פונעם יצר הרע, היינט זאגט ער אים טו אזוי, און אויפצומארגנס זאגט ער אים טו אזוי, ביז ער זאגט אים גיי און דין עבודה זרה, און ער פאלגט אים.

ענדליך צו דעם ערקלערט דער הייליגער גר"א זצוק"ל, דעם פסוק אין פרשת ראה (דברים יא, כח): "וְהַקְּלָלָה, אִם לֹא תִשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם, וְסַרְתֶּם מִן הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם - לָלֶכֶת אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים אֲשֶׁר לֹא יְדַעְתֶּם", אז דאס אנהייב פונעם קללה און פריקת עול נישט זייענדיג מקיים די מצוות, איז נאר "וְסַרְתֶּם מִן הַדֶּרֶךְ וגו'", א קליינעם ריר פון גרינגשעצונג אדער צושטערן א מנהג. דער סוף דערפון איז אבער "לָלֶכֶת אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים וכו'".
(הביאו "הכתב והקבלה" דברים יא, כח).

דאס לייכט האלטן די הייליגע מנהגים, און נישט אכטונג געבן זיי אויסצופירן, איז דאס אנהייב פון געפערליכע עבירות, און דאס אריינפיר צו פאלן און גליטשן, רחמנא ליצלן.

אזוי ווי רש"י הקדוש זאגט אין זיינע ליכטיגע ווערטער אויף שיר השירים (א, ח): "אִם לֹא תֵדְעִי לָךְ הַיָּפָה בַּנָּשִׁים, צְאִי לָךְ בְּעִקְבֵי הַצֹּאן, וּרְעִי אֶת גְּדִיֹּתַיִךְ עַל מִשְׁכְּנוֹת הָרֹעִים". זאגט רש"י: "צְאִי לָךְ בְּעִקְבֵי הַצֹּאן", קוק זיך אום אויף די טריט וואו די שאף זענען געגאנגען, און זייערע פיסטריט דערקענען זיך. דאס מיינט צו זאגן, אז ווען די יונגע שעפסעלעך ווייסן נישט דעם וועג, שפאנען זיי אויף די זעלבע טריט וואס זייערע טאטעס און זיידעס זענען געגאנגען, איבערלאזנדיג פיסטריט נאך זיך. זאגט רש"י ווייטער, אז דער נמשל דערפון איז, אויב כנסת ישראל, וואס זי איז די שענסטע פון אלע פעלקער, וועט נישט וויסן וויאזוי צו פאשען און זיך צו ראטעווען פון די וואס מאכן איר ענג און דרוקן איר צו זיין אזוי ווי זיי, און זי וויל נישט פארלוירן ווערן. איז די עצה, אז זי זאל אריינטראכטן אין די וועגן פון אירע פריערדיגע אבות, וועלכע האבן מקבל געווען די תורה פונעם אויבערשטן און האבן אפגעהיטן זיין היטונג און זיינע מצוות, און זי זאל גיין אין זייערע וועגן. און אלס שכר דערפאר וועט זי פאשען אירע שעפעלעך ביי די שרים פון די פעלקער. און אזוי האט אויך ירמיה הנביא געזאגט (ירמיה לא, כ) "הַצִּיבִי לָךְ צִיֻּנִים שִׁתִי לִבֵּךְ לַמְסִלָּה וגו'", ביז אהער די ווערטער פון רש"י הקדוש.

זעען מיר פון דא ווי וויכטיג עס איז צו שפאנען אינעם גלייכן וועג, און זיך פירן מיט די וועגן און מנהגים, "בְּעִקְבֵי הַצֹּאן", אויף די זעלבע טריט וואס אונזערע עלטערן האבן געשפאנט, זכותם יגן עלינו.

• • •

הגאון המפורסם רבי חיים חזקיהו מדיני ס"ט זצוק"ל (אויך באקאנט אלס דער "חח"מ"), בעל־מחבר "שדי חמד", איז געבוירן געווארן אין די הייליגע שטאט ירושלים ת"ו, און האט שפעטער געדינט אלס רב אין די הייליגע קהילה 'קראסוב בזאר' אין מדינת קיר"ה.

דאס מערהייט פון די קהילה זענען געווען פון ספרד'ישן אפשטאם, עס זענען אבער אויך געווען נישט ווייניג אשכנזים. דער רב איז געווען זייער אנגענומען אויף אלע שיכטן פונעם ציבור. זיין נאמען איז באוואוסט געווארן איבער די גאנצע וועלט, און פון נאנט און ווייט האט מען געשיקט שאלות צו אים.

צום באדויערן, האט דער גרויסער גאון אפט געזען ווי די קַלֵּי הַדַּעַת טוישן ליידער די הייליגע אידישע מנהגים, אזוי ווי די משכילים פלעגן אלעמאל טון, אז צום ערשט האבן זיי גרינג געהאלטן און פארשעמט די מנהגים, זאגנדיג אז עס איז נאר א 'מנהג' און איז נישט 'מעיקר הדין', און דערפאר דארף מען נישט אזוי שטארק מקפיד זיין דערויף, עַפְרָא לְפוּמַיְיהוּ, און דורכדעם איז זיי ליידער געלונגען אפצוקילן דעם הֲמוֹן עַם פון די הייליגע מסורת בית אבות, און זיי אראפשלעפן מִדֶּחִי אֶל דֶּחִי.

איינער פון די מנהגים וואס די משכילים האבן משנה געווען, איז געווען דער ארט וואו מען מאכט די חופה. ווי באוואוסט איז דא אין דעם פארשידענע מנהגים. די ספרדים, בני עדות המזרח, פירן זיך צו מאכן די חופה אינעווייניג אין הויז, און די אשכנזים, וואס שטאמען פון די אשכנז לענדער, פירן זיך צו מאכן די חופה אונטערן הימל.
[זע דעת המחבר והרמ"א אין שולחן ערוך אבן העזר (סימן נה ס"א) און אין די מפרשים אויפן אָרט].

די משכילים, וועלכע זענען געקומען פון דייטשלאנד, וואס דאס איז "אשכנז", האבן געטוישט דעם מנהג און האבן אנגעהויבן מאכן די חופה אינעווייניג, ווי זיי פלעגן שיין אויסצירן דעם זאל, מיט כלי־זמר. און ליידער זענען פילע אחינו בני ישראל נאכגעשלעפט געווארן נאך זיי, איבערהויפט די יונגע וועלכע האבן געוואלט זיין מער 'פארגעשריטן'...

דער "שדי חמד" אין זיין צייט, האט געקעמפפט ווי א לייב מיט אלע זיינע כוחות, און איז געשטאנען פעסט אז עס איז נישט ערלויבט צו מאכן די חופה אינעווייניג, און אפילו נישט אין שול. אזוי ווי ער האט מאריך געווען דערוועגן אין זיין ספר (שדי חמד חלק ז', מערכת חתן וכלה ס"ק א, עמ' 400 און ווייטער), זע דארט ווי ער האט געשריבן בריוון וועגן דעם מיט די גדולי הדור אין דעם ענין.

איינמאל האט מען גערופן דעם שדי חמד צו זיין מסדר־קידושין אין זיין שטאט, ווייל אלס רב אין שטאט האט דער כיבוד געהערט צו אים, ביי אלע חתונות וואס זענען אפגעראכטן געווארן אין שטאט. די מחותנים זענען טאקע געווען פון די אשכנז'ישע משפחות אין שטאט, אבער וויבאלד עס איז געווען זייער א ווינטערדיגע טאג, און אינדרויסן האט געבוזשעוועט א שווערער שטורעם, מיט שווערע רעגנס און קאלטע שנייען, האט די משפחה געשטעלט די חופה אינעווייניג, נישט וועלנדיג אז די געסט זאלן ווערן נאס פון די רעגן אדער פארשמירט מיט די בלאטע, און אויך זאלן זיי זיך קענען אנווארעמען פון די שווערע קעלט.

זיי האבן תמימות'דיג געמיינט אז דער רב וועט נישט מקפיד זיין דערויף, וויבאלד רוב חופות אין שטאט זענען דאך פון די ספרדים וואס זיי מאכן די חופה אין הויז, און אזוי איז דאך יעדער איינער צוגעוואוינט. אויך איז דאך דער רב אליין פון די בני עדות המזרח, וועט ער זיך נישט קעגנשטעלן אז מען זאל מאכן די חופה אזוי ווי זיין מנהג. האט מען געשטעלט די חופה שטאנגען אינעווייניג אין זאל, און אויסגעשפרייט דערויף דעם באצירטן ליילעך, און געווארט אז דער רב זאל קומען מסדר־קידושין זיין.

ווי נאר דער רב איז ערשינען אין זאל, און געזען ווי די חופה שטייט אינעווייניג אין זאל, איז ער געווארן זייער אויפגערעגט. ער האט גוט געקענט די מחותנים און געוואוסט אז זיי זענען פון די אשכנזים וועלכע פירן זיך צו מאכן די חופה אינדרויסן. ער האט גלייך געהייסן אז מען זאל צונעמען די חופה, און עס אויפשטעלן פונדאסניי, אונטערן הימל, טאקע דארט אינעם גאס־רעגן...

די משפחה מיטגלידער האבן זיך געפילט באליידיגט פונעם רב'ס פאדערונג, און האבן זיך גענומען בעטן אז דאס איז אוממעגליך ארויסצונעמען די פארזאמלטע אין אזא שטורעם, וואס בוזשעוועט אזוי שטארק, און זיי האבן גע'טענה'ט אז רוב פון די שטאטסלייט, און אויך דער רב אליין, פירן זיך דאך צו מאכן די חופה אינעווייניג, פארוואס דארף מען זיין אזוי פאר'עקש'נט אויף עפעס וואס איז נאר א מנהג, און אוודאי וועט די חופה וקידושין זיין גוט אפילו אויב מען מאכט עס אינעווייניג.

דער רב האט זיך אבער נישט וויסנדיג געמאכט פון זייערע געבעטן, און ער האט זיי קלאר אנגעווארנט, אז אויב וועט מען נישט מאכן די חופה אינדרויסן, וועט דא היינט ביינאכט נישט זיין קיין חתונה! איך הייב זיך נישט אן מיט דער רמ"א זצוק"ל!! - האט דער רב געשלאסן דעם ויכוח.

מיטן כח פון זיין רבנות, האט דער רב געקענט אפהאלטן דעם גאנצן חתונה, ווייל אויסערדעם וואס דער כיבוד פון 'סידור קידושין' האט געהערט פארן רב, און מען האט נישט געקענט מכבד זיין קיין אנדערן דערמיט אן זיין ערלויבעניש, האט אויך די חתונה אליין פונעם פארפאלק געדארפט האבן א 'הכשר' פונעם רב, אז ער זאל עס 'מאשר' זיין. אזוי האבן די משפחה נישט געהאט קיין אנדערע ברירה, און האבן זיך געדארפט 'בייגן', און צוריק אויפשטעלן די חופה אונטערן הימל, גענוי ווי דער רב האט באפוילן. און דעמאלטס האט דער רב געמאכט די חופה פאר זיי כדת וכדין, מיט א געוואלדיגע שמחה פארן באפעסטיגן די חומת הדת אין שטאט, און עס איז געווארן א גרויסער קידוש השם ביי די חתונה, וויבאלד די מעשה איז באוואוסט געווארן אינעם גאנצן געגנט.

• • •

ענדליך צו די מעשה, איז געווען ביים הייליגן צאנזער רב בעל דברי חיים זצוק"ל, אינעם לעצטן יאר פון זיין לעבן אויף דער וועלט, אינעם הייליגן יום טוב פסח פון יאר תרל"ו לפ"ק. דאס איז געווען צען טעג איידער ער איז נסתלק געווארן לישיבה של מעלה, אינעם טאג כ"ה ניסן פונעם זעלבן יאר. ער איז דעמאלטס שוין געלעגן זייער קראנק, און איז דעמאלטס נאכמער שוואך געווארן, און אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט האבן מַרְעִישׁ עוֹלָמוֹת געווען פאר זיין געזונט.

ווען דער סדר נאכט איז אנגעקומען, איז זיין מצב אביסל בעסער געווארן, און מען האט געלאזט וויסן בלויז פאר די בְּנֵי הַמִּשְׁפָּחָה, אז זיי זאלן קומען צום סדר נאכט ביים רבי'ן. זעלבסטפארשטענדליך אז די בשורה האט אביסל דערפריידט די משפחה, אז טראץ זיין שווערן געזונט צושטאנד, קענען זיי זיך נאך דערווארימען ביים הייליגן צדיק, און גאנץ שנעל זענען זיינע פילע קינדער און אייניקלעך געקומען צו גיין, און ער האט געפראוועט פאר זיי דער סדר מיט גרויס פראכט. זיי זענען

המשך אין עמוד ד' >

אלע באוואוסט געווען אלס גרויסע תלמידי חכמים און גדולים בתורה ועבודה, און אלע צוזאמען זענען זיי געווען א גרויסער עולם פון עטליכע מִנְיָנִים.

טראָץ זיין שוואכקייט, האט זיך דער הייליגער צאנזער רב אנגעשטרענגט, און האט געפראוועט אויך דעם צווייטן סדר אזוי ווי עס דארף צו זיין. ווען עס איז געקומען צו קַדֵּשׁ, איז יעדער איינער זיכער געווען אז דער צדיק וועט יוצא זיין קידוש פון אן אנדערער, וויבאלד ער האט גארנישט געקענט עסן, און אוודאי נישט טרינקען די וויין, אבער צו זייער גרויס וואונדער האט זיך דער רבי פאר'עקש'נט און מיט די לעצטע כוחות האט ער אויסגעטרינקען דעם גאנצן בעכער. און אזוי איז געווען ביי אלע פיר כוסות.

אבער ווען עס איז געקומען צו די מצוה פון 'מצה', איז שוין די שאלה געווען אסאך הארבער, וויבאלד דאס צוקייען די מצה איז אים געווען זייער שווער, און נאכדערצו דאס צו קענען פארדייען, זייענדיג ל"ע אזוי קראנק. זיינע הייליגע קינדער האבן זיך ממש געבעטן ביי אים, אז ער זאל נישט עסן די מצה, וויבאלד עס איז א שאלה פון סכנת נפשות.

דער צדיק איז אבער געווען צוקאכט, כדרכו בקודש זיין גאנצן לעבן, ווי ער האט אזוי אויסגעקוקט און געפלאמט צו דינען דעם אויבערשטן במסירות נפש ביז צום לעצטן טראפ בלוט. האט דער הייליגער צאנזער רב געזאגט אז זאל זיין וואס זאל נאר זיין, קען ער אבער בשום אופן נישט מוותר זיין אויף די מצוה פון עסן מצה, און פאר אים איז נאך א גרעסערע סכנה נישט צו עסן די מצה...

ווען עס איז געקומען די צייט צו עסן די מצה, האט דער צדיק צוזאמגערופן אלע זיינע אייניקלעך און אור אייניקלעך, און געבעטן אז זיי זאלן אלע קומען און זיך שטעלן נעבן אים, און ער האט געזאגט צו זיי: טייערע קינדער! איך וויל אייך יעצט לערנען דַּרְכֵי חַיִּים, וויאזוי א איד דארף אפהיטן געטריי זיין אידישקייט, און מקיים זיין די תורה און מצוות במסירות נפש ממש.

דער הייליגער צאנזער רב האט געמאכט די ברכה אויפן מצה מיט א געוואלדיגע התלהבות ווי זיין הייליגער שטייגער, און האט זיך געזעצט עסן די מצה מיט גרויס מסירות נפש וואס איז נישט צום באשרייבן, ווען אלע אנוועזנדע שטייען ארום אים און זען זיין הייליגע עבודה. א גרויס שרעק און מורא איז זיי אלע באפאלן.

ווען דער צאנזער רב האט געענדיגט עסן די מצה, איז ער געווען אזוי אפגעשוואכט, אז ער האט זיך אביסל געמוזט אפרוען, און דערנאך האט ער געהייסן אז מען זאל פארזעצן מיטן פראווענען דעם סדר.

יעצט איז אנגעקומען די מצוה פון 'מרור'. דא איז שוין ביי קיינעם נישט געווען קיין צווייפל, אז עס איז פשוט אוממעגליך אז דער צדיק זאל אריינעמען אפילו נאך א ברעקל אין מויל, ווייל דארט האט מען זיך געפירט צו עסן די שארפע חריין, וואס אפילו פאר געזונטע מענטשן איז זייער שווער איינצושלינגען אזא כזית...

אבער צו די וואונדער פון יעדן איינעם, האט דער צדיק געבעטן אז מען זאל אנגרייטן א 'כזית מרור' אויך פאר אים. דא האבן זיך שוין אלע זיינע קינדער און איידימער אויפגעשטעלט און געמאכט א געוואלד, טענה'נדיג אז דאס איז ממש סכנת נפשות, און עס שטייט דאך אין די תורה "וָחַי בָּהֶם" (ויקרא יח, ה)! - דער צדיק האט אבער פון גארנישט געוואלט הערן, זאגנדיג אז עס איז פאר אים א גרעסערע סכנה אויב ער וועט נישט עסן דעם מרור, און וויבאלד ער עסט עס נאר לשם מצוה, וועט אים קיין שלעכטס נישט געשען דערפון.

דאס פריערדיגע ערשיינונג האט זיך נאכאמאל איבערגע'חזר'ט. דער הייליגער צאנזער רב האט געבעטן אז אלע אייניקלעך און אור אייניקלעך, פון גרויס ביז קליין, זאלן קומען נענטער צו אים, און ווען יעדער איינער איז שוין דארט געווען, האט ער זיי געזאגט: טייערע קינדער! פריער האב איך אייך אויסגעלערנט וויאזוי מען דארף מקיים זיין די מצוה פון די תורה "בָּעֶרֶב תֹּאכְלוּ מַצֹּת" (שמות יב, יח). יעצט וויל איך אייך אויסלערנען אז א אידיש קינד דארף זיך מוסר נפש אויך אויף א מצוה דרבנן, און "מָרוֹר בִּזְמַן הַזֶּה דְּרַבָּנָן" (פסחים דף קכ ע"א). לגבי דעם מרור פסק'נען מיר, אז כאטש עס איז דרבנן, גייט אן אויך ביי דעם די הלכות פונעם מצה, אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא פרק כָּל שָׁעָה (פסחים דף לב ע"ב) "כָּל דְּתָקּוּן רַבָּנָן כְּעֵין דְּאוֹרַיְתָא תָּקּוּן", יעדער זאך וואס די חכמים האבן מתקן געווען, האבן זיי עס מתקן געווען אזוי ווי א מצוה דאורייתא, און אויך א מצוה דרבנן דארף מען טון מיט די זעלבע יגיעה און טירחא אזוי ווי עס וואלט געווען א דאורייתא. זאלט איר נישט טראכטן חלילה צו מיקל זיין ביי זאכן וואס זענען מדרבנן, אזוי ווי טייל מענטשן האבן א טעות אין דעם אין געוויסע פעלער, ווייל מיר ווייסן גארנישט וואס איז דער מקור פון די מצוות אויבן אין הימל, און וויבאלד מיר זענען באפוילן געווארן אין שולחן ערוך אזוי צו טון, מוז מען אלעס מקיים זיין ממש במסירות נפש.

ווען ער האט געענדיגט זיינע פייערדיגע ווערטער, האט ער גענומען די הייליגע מרור אין זיין הייליגע האנט, און אויפגעגעסן די גאנצע מיט א געוואלדיגע מסירות נפש כדת וכדין. יעדער איינער האט געקענט זען אז דאס איז נישט קיין נאטורליכע וועג פון עסן, ווייל אן אנדער מענטש אין זיין מצב וואלט איבערהויפט נישט געקענט עסן, דאס איז געווען א גאר געהויבענע אכילה, און יעדער וואס האט עס געזען איז דערציטערט געווארן.

מען קען זיך שוין אליין פאָרשטעלן, אז ווען דער הייליגער גאון האט געענדיגט עסן דער מרור, איז ער געווען ממש באפיסת הכוחות. נאכן אויסברעכן עטליכע מאל, האט ער זיך געמוזט ווייטער אפרוען.

און יעצט איז מען אנגעקומען צו די מצוה פון 'כורך'. יעדער איינער איז געווען זיכער און נישט געהאט קיין שום ספק, אז דאס וועט שוין דער צדיק אוודאי נישט קענען עסן, ווייל דא וועט ער דארפן עסן אויך מצה און אויך מרור, און עס איז דאך נישט קיין מצוה דאורייתא און אויך נישט קיין מצוה דרבנן, וויבאלד דאס איז נאר א מנהג, זֵכֶר לְמִקְדָּשׁ.

אבער צו זייער גרויס שטוינונג, האט דער הייליגער צדיק געבעטן מיט זיינע לעצטע כוחות, אז מען זאל אים אנגרייטן 'כורך' מיט צוויי כזיתים, א כזית מצה און א כזית מרור צוזאמען. זיינע הייליגע קינדער האבן שוין נישט געוואוסט וואס צו טון, און האבן גענומען וויינען און זיך בעטן פאר אים אז ער זאל זיך דערבארימען אויף זיין לויטערער גוף, און שוין נישט עסן דעם 'כורך', וויבאלד דאס איז שוין ממש אוממעגליך!

דער צדיק איז אבער געשטאנען פעסט ווי א לייב, און האט נישט געוואלט מוותר זיין בשום אופן! וויאזוי קען איך דען פארציכטן אויף 'כורך'! עס איז מיר מער אוממעגליך עס נישט צו עסן, ווי עס יא צו עסן!

אויך יעצט, האט דער צדיק צום דריטן מאל געהייסן אז אלע זיינע אייניקלעך און אוראייניקלעך זאלן זיך שטעלן פאר אים, און ווען יעדער איינער איז שוין געשטאנען ארום אים, האט ער אנגעהויבן רעדן פאר זיי מיט גרויס התלהבות: טייערע קינדער! וויסן זאלט איר אז אונזער יעצטיגע עבודה איז זייער גרויס, און נאכדעם וואס פריער האב איך אייך אויסגעלערנט איבער די מסירות נפש וואס מען דארף האבן ביי מצוות דאורייתא און מצוות דרבנן, וויל איך אייך יעצט אויסלערנען וויפיל מסירות נפש מען דארף האבן, צו מקיים זיין די "הייליגע אידישע מנהגים"! און כאטש עס זעט אויס נאר ווי א מנהג, האט עס אבער א הייליגער שורש אויבן, און מיר ווען חלילה נישט גרינגהאלטן אפילו א ברעקעלע פון א הייליגער אידישער מנהג, נאר מיר ווען זיך ווייטער פירן אזוי ווי מען פירט זיך ביי אונז, אזוי ווי מיר האבן מקבל געווען פון אונזערע הייליגע עלטערן און רבותינו הקדושים.

ווען ער האט געענדיגט זיינע הייליגע דיבורים, האט ער מיט זיינע לעצטע כוחות גענומען דעם 'כורך' אין האנט, און עס געגעסן במסירות נפש ממש, ווען זיין געזיכט פלאמט פון נאנטקייט צום אויבערשטן, און יעדער איינער וואס האט עס געזען איז געבליבן ערשטוינט, זעענדיג צו וואס מען קען זוכה זיין דורכן דינען דעם אויבערשטן מיט התלהבות און מסירות נפש!

זעלבסטפארשטענדליך, אז דעם געוואלדיגן רושם וואס אט דער פייערדיגע "סדר נאכט" האט איבערגעלאזט ביי אלע פארזאמלטע, האט מען קיינמאל נישט געקענט פארגעסן, און אלע זיינע אייניקלעך זענען אויסגעוואקסן גאונים וקדושים, אזוי ווי עס פאסט פאר "צאנזער אייניקלעך", און זיי פלעגן איבערגעבן די איינדרוקן פון אט דעם הייליגן סדר נאכט, מדור לדור, מיט א הייליגן ציטער

[זע דרכי חיים, פרק אשכבתיה דרבי, ועוד].

נאכן דאזיגן סדר נאכט, האט נאך דער הייליגער צדיק געלעבט צען טעג אויף דער וועלט, אזוי אז קיינער האט נישט געקענט טענה'ן, אז די אלע מסירות נפש'דיגע אכילות פונעם צדיק אינעם סדר נאכט, האט חלילה געשאדט פאר זיין געזונט. נאר יעדער איינער האט געזען און מודה געווען בְּפֶה מָלֵא, אז פון הימל האט מען געטוישט דעם גאנצן נאטור פון זיין הייליגן קערפער, און ער איז אינגאנצן ארויסגעגאנגען חוּץ לְדֶרֶךְ הַטֶּבַע. ביז צום טאג כ"ה ניסן, ווען עס איז געווען נצחו אראלים את המצוקים, און זיין הייליגע נשמה איז ארויפגעגאנגען בִּסְעָרָה הַשָּׁמַיְמָה נִשְׁבָּה אֲרוֹן הָאֱלֹקִים צום ווייטאג פון גאנץ כלל ישראל, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

[מער איבער דאס לעבן פונעם הייליגן צדיק, און איבער זיין געוואלדיגע מסירות נפש סיי אין אלע דריי זאכן אויף וואס די וועלט שטייט (פרקי אבות א, ב), סיי אין 'תורה', זייענדיג איינער פון די גאוני און גדולי הדור, סיי אין 'עבודה', דינענדיג דעם אויבערשטן בהתפשטות הגשמיות מיט עליית נשמה און גרויס התלהבות ווי באקאנט, און סיי אין 'גמילות חסדים', וואס ער האט אזויפיל געטיילט צדקה אן א שיעור. - זע באריכות אין א ספעציעלן קונטרס אינעם ספר "טיב הזכרונות"].

• • •

אונז פשוט'ע מענטשן, וועלן זיך לערנען פון אט די מעשיות, ווי שטארק מען דארף מקפיד זיין אויף די מנהגים פון אונזערע עלטערן, און נישט טוישן חלילה דערפון אפילו א קוצו של יו"ד, אזוי ווי שלמה המלך ע"ה זאגט אין אנהייב פון משלי (א, ח): "שְׁמַע בְּנִי מוּסַר אָבִיךָ, וְאַל תִּטֹּשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ".


על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייער נלב"ע י"ג אלול תשפ"ב תנצב"ה

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת מיתוג יח"צ וקידום מכירות 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173